בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת יתרו תשפ"א** שבת קבלת התורה שבת מברכין **גליון 587 [שנה י"ג]**

**כהן מדין אדער חותן משה?**

וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ כֹהֵן מִדְיָן חֹתֵן מֹשֶׁה: (יח א) עס שטייט אין פסוק אז יִתְרוֹ איז געווען כֹּהֵן מִדְיָן און חֹתֵן מֹשֶׁה און אין די צווייטע פסוק שטייט וַיִּקַּח יִתְרוֹ חֹתֵן מֹשֶׁה און נישט כֹּהֵן מִדְיָן? אויך איז שווער פארוואס שטייט וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ כֹּהֵן מִדְיָן און נישט וְיִתְרוֹ כֹּהֵן מִדְיָן חֹתֵן מֹשֶׁה שָׁמַע? נאר יתרו איז געווען געוואוינט צו הערן זיין גדלות אז ער איז כֹּהֵן מִדְיָן, און יעצט הערט ער אז מען רימט אים אויס אז ער איז דער חֹתֵן מֹשֶׁה, האט ער יעצט פארשטאנען אז משה איז גאר חשוב, דאס מיינט וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ, אז ביז יעצט איז ער געווען כֹּהֵן מִדְיָן און יעצט איז דאס ביי אים געווען חשוב אז ער איז חֹתֵן מֹשֶׁה. דעריבער שטייט נאכדעם וַיִּקַּח יִתְרוֹ "חֹתֵן מֹשֶׁה" אז דאס איז געווען ביי אים מער חשוב פון צו זיין א כֹּהֵן מִדְיָן. (צבי לצדיק בלאזוב)

מען קען אויך פארענטפערן די דיוקים און זאגן שטארקער, אז די תורה וויל ווייזן אז א מענטש קען ווערן אפילו פון א נידעריגע כֹּהֵן מִדְיָן און ווערן א חֹתֵן מֹשֶׁה און דאס מיינט דער פסוק פון כֹּהֵן מִדְיָן איז ער געווארן חֹתֵן מֹשֶׁה און וועגן דעם שטייט נאכדעם וַיִּקַּח יִתְרוֹ חֹתֵן מֹשֶׁה, ווייל ער איז געווארן ביי זיך נאר חֹתֵן מֹשֶׁה און אוועקגעווארפן די כֹּהֵן מִדְיָן. (אך פרי תבואה)

**דריי שיטות אין מה שמועה שמע ובא און זייער סברות**

וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ כֹהֵן מִדְיָן חֹתֵן מֹשֶׁה אֵת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה אֱלֹקִים לְמֹשֶׁה וּלְיִשְׂרָאֵל עַמּוֹ כִּי הוֹצִיא ה' אֶת יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרָיִם: (יח א) שטייט אין גמ' (זבחים דף קטז ע"א) **מה שמועה שמע ובא ונתגייר**, איז דא דריי שיטות וואס האט יתרו געהערט אז וועגן דעם האט ער תשובה געטאן: ר' יהושע זאגט מלחמת עמלק שמע, רבי אליעזר המודעי זאגט מתן תורה שמע, ווייל ווען דער אויבערשטער האט געגעבן די תורה איז דער קול געגאנגען מסוף העולם ועד סופו, און ר' **אליעזר** זאגט קריעת ים סוף, ווייל עס שטייט א פסוק (יהושע ה א) וַיְהִי כִשְׁמֹעַ כָּל מַלְכֵי הָאֱמֹרִי אֲשֶׁר בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן יָמָּה. איז דער הייליגער מהרש"א מסביר די סברא פון די דריי שיטות, ווייל אלעס גייט ארויף אויף דער וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ, ווייל מען ענדיגט פ' בשלח מיט מלחמת עמלק האלט ר' יהושע די ראי' איז אז וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ גייט ארויף אויף מלחמת עמלק, קומט ר' **אליעזר המודעי** און ר' **אליעזר** און זיי האלטן אז דער וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ גייט ארויף וואס עס שטייט ווייטער אין פסוק, וואס עס שטייט צוויי זאכן: אֵת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה אֱלֹקִים לְמֹשֶׁה וּלְיִשְׂרָאֵל עַמּוֹ, שטייט ער האט געהערט וואס מען האט געטאן צו מֹשֶׁה און צו יִשְׂרָאֵל וגו' מוז דאס זיין מתן תורה, ווייל פריערט האט דער אויבערשטער געלערנט די תורה צו משה און נאכדעם צו כלל ישראל, און ביי מתן תורה איז געווען וַיִּשְׁמַע, וואס דער קול איז געהערט געווארן, ממילא איז וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ מתן תורה, דאס איז סברת ר' **אליעזר המודעי**, און ר' **אליעזר** האלט אז עס שטייט כִּי הוֹצִיא ה' אֶת יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרָיִם, וואס דאס מיינט קריעת ים סוף וואס דארטן שטייט וַיְהִי כִשְׁמֹעַ כָּל מַלְכֵי הָאֱמֹרִי, און דארטן איז נאר געווען יִשְׂרָאֵל און נישט מֹשֶׁה דעריבער וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ גייט ארויף אויף דעם שמיעה. (מהרש"א זבחים דף קטז ע"א)

**דרוש נחמד חילוק ביי די נעמען פון משה' און יוסף'ס קינדער**

וְאֵת שְׁנֵי בָנֶיהָ אֲשֶׁר שֵׁם הָאֶחָד גֵּרְשֹׁם כִּי אָמַר גֵּר הָיִיתִי בְּאֶרֶץ נָכְרִיָּה: וְשֵׁם הָאֶחָד אֱלִיעֶזֶר כִּי אֱלֹקֵי אָבִי בְּעֶזְרִי וַיַּצִּלֵנִי מֵחֶרֶב פַּרְעֹה: (יח ג-ד) דארף מען פארשטיין פארוואס האט משה נישט גערופן זיין בכור אליעזר ווייל דער אֱלֹקֵי אָבִי בְּעֶזְרִי וַיַּצִּלֵנִי מֵחֶרֶב פַּרְעֹה, איז געווען פאר גֵּר הָיִיתִי בְּאֶרֶץ נָכְרִיָּה? נאך א דיוק, פארוואס ביי גֵּרְשֹׁם שטייט "כִּי אָמַר" גֵּר הָיִיתִי, און ביי אליעזר שטייט נישט "כִּי אָמַר" אֱלֹקֵי אָבִי בְּעֶזְרִי, נאר כִּי אֱלֹקֵי אָבִי בְּעֶזְרִי? אויך איז שווער דאס וואס עס שטייט אין פ' שמות (ב כב) וַתֵּלֶד בֵּן וַיִּקְרָא אֶת שְׁמוֹ גֵּרְשֹׁם כִּי אָמַר גֵּר הָיִיתִי בְּאֶרֶץ נָכְרִיָּה, פארוואס דארף דארטן שטיין "כִּי אָמַר", ווען עס וואלט געקענט פשוט שטיין וַיִּקְרָא אֶת שְׁמוֹ גֵּרְשֹׁם כִּי גֵר הָיִיתִי בְּאֶרֶץ נָכְרִיָּה, און אזוי איז אויך שווער וואס ביי יוסף שטייט וַיִּקְרָא יוֹסֵף אֶת שֵׁם הַבְּכוֹר מְנַשֶּׁה כִּי נַשַּׁנִי אֱלֹקִים אֶת כָּל עֲמָלִי וְאֵת כָּל בֵּית אָבִי (מא נא) פארוואס שטייט נישט "כִּי אָמַר" כִּי נַשַּׁנִי אֱלֹקִים? דאס אלעס צו פארענטפערן קען מען זאגן לויט וואס עס שטייט אין ספר הישר אז יתרו האט נישט געלאזט מען זאל מַל זיין גֵּרְשֹׁם, נאר ווען וַיְהִי בַדֶּרֶךְ, זיי זענען געווען אין וועג, וַיְבַקֵּשׁ הֲמִיתוֹ: שטייט דעמאלטס וַתִּקַּח צִפֹּרָה צֹר וַתִּכְרֹת אֶת עָרְלַת בְּנָהּ, און עס שטייט עָרְלַת "בְּנָהּ" און נישט עָרְלַת "בְּנָם", ווייל אֱלִיעֶזֶר האט מען שוין מַל געווען בזמנו, אבער גֵּרְשֹׁם נישט, און משה האט זיך שטענדיג געמוזט פאטיידיגן אז די סיבה פארוואס ער האט נישט מַל געווען גֵּרְשֹׁם בזמנו, איז וועגן גֵּר הָיִיתִי בְּאֶרֶץ נָכְרִיָּה, און דעריבער ביי משה שטייט "כִּי אָמַר" ער האט דאס שטענדיג געחזר'ט, דעריבער שטייט "כִּי אָמַר" נאר ביי גרשום, סיי אין פ' שמות און סיי דא אין פ' יתרו, אבער ביי אֱלִיעֶזֶר וואס האט זיך מל געווען לשמונה דארף נישט שטיין "כִּי אָמַר", ווייל משה האט דאס נישט געדארפט זאגן. און דעריבער ביי יוסף איז פשוט אז עס דארף נישט שטיין "כִּי אָמַר" כִּי נַשַּׁנִי אֱלֹקִים.

מיט דעם מהלך קען מען אויך פארענטפערן וואס מען פרעגט, עס שטייט וְאֵת שְׁנֵי בָנֶיהָ אֲשֶׁר שֵׁם הָאֶחָד גֵּרְשֹׁם וְשֵׁם הָאֶחָד אֱלִיעֶזֶר, פארוואס שטייט נישט את "שֵׁם הַבְּכוֹר גֵּרְשֹׁם" אזוי ווי ביי יוסף שטייט וַיִּקְרָא יוֹסֵף אֶת "שֵׁם הַבְּכוֹר" מְנַשֶּׁה וְאֵת שֵׁם הַשֵּׁנִי קָרָא אֶפְרָיִם? נאר לויט ביז יעצט קען מען מאכן א חילוק צווישן משה'ס צוויי קינדער, און יוסף'ס קינדער, ווייל ביי יוסף איז מנשה געווען חשוב ביי אים אלץ א בכור אזוי ווי עס שטייט וַיֹּאמֶר יוֹסֵף אֶל אָבִיו ער האט געזאגט צו יעקב, לֹא כֵן אָבִי כִּי זֶה הַבְּכֹר, שִׂים יְמִינְךָ עַל רֹאשׁוֹ,(בראשית פרק מח יח) דעריבער ביי אפרים שטייט וְאֵת "שֵׁם הַשֵּׁנִי" קָרָא אֶפְרָיִם, ווייל אפרים איז געווען א טפל צו מנשה דער בכור, משא"כ ביי משה זענען גֵּרְשֹׁם און אליעזר געווען אויף איין דרגא, ווייל גֵּרְשֹׁם איז געווען טאקע דער בכור אבער ער איז געבליכן א ערל א לאנגע צייט און אֱלִיעֶזֶר האט געהאט די מעלה אז ער איז געווען מַל בזמנו, און גלייך אריין תחת כנפי השכינה, דעריבער שטייט וְאֵת שְׁנֵי בָנֶיהָ אֲשֶׁר שֵׁם הָאֶחָד גֵּרְשֹׁם וְשֵׁם הָאֶחָד אֱלִיעֶזֶר יעדער איז געווען אחד און נישט שני ודו"ק. (רביד יוסף הגאון ר' אהרן יוסף טעמפלער אב"ד רזעפניק נספה בשואה הי"ד)

4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ T 718 - 438 - 8414 ~ F 718 - 633 - 5500 Store Hours are 11:30 -7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday check our website *WWW.SEFORIMWORLD.COM* א רשימה פון אונזערע ספרים און בריוון איז דא *מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און פאר פדיון נפש אויך ספרים און אויך אלטע געלט*

## מדור העובדות

## דער הייליגער רבי ר' מאיר מפרימישלאן ראטעוועט א שטוב און ברענגט זיי עשירות

אין שטאט ראדוביץ וואס איז געווען אין גאליציה עסטרייך [עם איז אויך געווען א שטאט ראדאוויץ וואס דאס איז געווען אין בוקאווינא -וויזניץ גזע] האט געוואוינט דער באוואוסטער חסיד הר' מיכל רודיק וואס איז געווען א גרויסער עושר. אבער נישט אייביג איז ער געווען א עושר, אין אנפאנג איז ער געווען א קליינער סוחר וואס האט געהאט א קליינע געשעפט וואס האט פארקויפט אלע מיני סחורה פאר נייען. ר' מיכל איז געווען א ארענטליכער סוחר און מען האט אים שטארק געשעצט און ער איז געזעצן און פארקויפט אין דעם געשעפט. זיין פרוי איז געווען קלוג און פארשטאנען צו א גוטע געשעפט און א מבין אויף די קוואליטיי פון סחורה און מען האט איר נישט געקענט אפנארן, דעריבער פלעגט זי פארן אין די געוויסע יריד'ס און געהאנדלט מיטן איינקויפן סחורה. איינמאל איז זי געפארן קיין ווין צו א גרויסער יריד און זי האט אנגעבארגט געלט און גענומען די שטרות פון באנק כדי איינצוקויפן אסאך מיני סחורות כדי צו פארברייטערן זייער אויסוואל און מתפלל געווען אז זי זאל קענען מצליח זיין. אזוי ארומקוקנדיג אין יריד טרעפט זי א באוואוסטער מעקלער און ער טראגט איר אן א געשעפט פון סחורה וואס איז געווען א ווילדע מציאה וואס זי וואלט געקענט פארדינען זייער אסאך געלט, און זי פרעגט דעם סוחר וויפיל סחורה האט ער? האט ער געענטפערט אז ער האט דריי וואגאנען אנגעלאדנט מיט ווייסע לינען סחורה.

זי נעמט זיך שוקל זיין, ווייל ווייסע סחורה איז נישט א גאנגבארא קאליר און אפשר וועט זי בלייבן שטעקן מיט די סחורה און דערלייגן זייער גאנצער פארמעגן, אבער עפעס האט איר געזאגט אז זי זאל דאס טאן און זי וועט גאר שיין מצליח געווען און זי האט זיך צו געכאפט צום געשעפט. זי האט געבעטן אנקוקן די סחורה און איינגעהאנדלט דעם פרייז, אבער זי האט אים געזאגט אז זי האט נישט יעצט די גאנצע געלט פאר אזוי פיל סחורה. האט דער מעקלער געזאגט אז דער בעל הבית ווייסט אויך אז ווייסע סחורה איז נישט אזוי שטארק עובר לסוחר, און ער האט אים געזאגט אז ער וועט נעמען א שטר אויף פופציג פראצענט פון די איבערגע געלט, און דער מקח איז געשלאסן געווארן, מען האט מסדר געווען די וועגענער'ס צו ברענגען די סחורה קיין ראדוביץ. ווען די פרוי קומט אן מיט אזויפיל סחורה פון ווייסע לינען און זי דערציילט וויפיל געלט זי האט אוים געגעבן און די שטר חוב אויף שפעטער, האט דער מאן איר געפרעגט וואס זי האט געטאן? אין אזא קליין שטעטל ווי ראדוביץ קען מען נישט פארקויפן אזא קוואנטום פון ווייסע סחורה אין פופציג יאר און זייער גאנצע געלט האבן זיי אריינגעלייגט אין דעם שוואכן געשעפט און נאך דערצו געווארן א בעל חוב!

די פרוי האט זיך יעצט אויך אויפגעוועקט און פארשטאנען די נארישקייט וואס זי האט געטאן מיטן איינקויפן אזוי פיל סחורה פאר א קליין שטעטל און בפרט דארף מען דאך איינקויפן אסאך מיני סחורה, ר' מיכל האט זיך אביסל פארלוירן און זיך נישט געקענט בארוהיגן, ער האט געטענה'ט אז זיי האבן דא פארלוירן זייער גאנצע פארמעגן און ווי וועט מען באצאלן די שטרות, די פרוי האט זיך בארעכטיגט מיט כל מיני תירוצים, און דער בעל דבר האט זיך אריינגעמישט און וויפיל מען האט פרובירט בארוהיגן ר' מיכל, איז ער געווארן נאך מער אין כעס!

די פרוי האט געהאט א ברודער א אנגעזענער תלמיד חכם און א פיקח און זי האט אים געבעטן אז ער זאל זיך אריינגעלייגן אין די פרשה און ער האט מְשַׁכְנֵעַ געווען ר' מיכל אז ער זאל גיין צו ר' מאיר'ל מפרימישלאן וואס ער איז א גרויסער פועל ישועות און אויך א בר דעת און זיי זאלן פארלייגן זייערע טענות און הערן וואס ער האט צו זאגן און ער וועט אייך קענען געבן א עצה און וואס ער וועט הייסן וועלן זיי מסכים זיין צו טאהן. ר' מיכל און זיין פרוי גייען צו ר' מאיר'ל און ווען מען עפענט דעם טיר רופט זיך אן ר' מאיר'ל "שלום עליכם ר' מיכל דער גביר פון ראדוביץ"!

ר' מיכל בלייבט שטיין א פאוואונדערטער, ער איז גאר נישט קיין גביר ער איז יעצט געווארן א ארימאן! און נעמט זיך קוקן אויפן צדיק מיט פארוואונדערטע אויגן, ר' מאיר'ל הייסט אים שרייבן א קוויטל און זאגט פאר ר' מיכל ער זאל פארלייגן זיינע טענות, ר' מאיר'ל פארטיפט זיך אין דעם קוויטל און רופט זיך אן דיין ווייב הייסט דאך שָׂרָה, און עס שטייט אין די תורה (בראשית כ"א יב) כֹּל אֲשֶׁר תֹּאמַר אֵלֶיךָ שָׂרָה שְׁמַע בְּקֹלָהּ, ווייל שרה האט געהאט רוח הקודש ממילא בין איך זיכער אז דאס וואס זי האט געטאן איז געווען ברוח הקודש, פארט אהיים לחיים ולשלום און דער אויבערשטער וועט אייך העלפן, ר' מיכל הערט קלארע ווערטער פון צדיק און האט גלייך מפייס געווען זיין פרוי, און עס איז געווארן שלום ושלוה, ער איז פול מיט אמונה אין רייד פון צדיק און מען גייט אויסווארטן די ישועה וואס וועט קומען בקרוב.

פונקט דעמאלט'ס האט זיך געמאכט א מלחמה צווישן טורקי' און רוסלאנד, גאליציה עסטרייך איז געווען צווישן די צוויי מדינות, און עסטרייך איז געווען נאנט מיט טורקי', און געלאזט זייער מיליטער דורכפארן עסטרייך כדי אנצוקומען קיין רוסלאנד. איינע פון די טעג איז אנגעקומען א גרויסער גענעראל מיט טויזנטער סאלדאטן נעכטיגן אין ראדוביץ און האט באפוילן אז מען דארף מאכן א בגד פון ווייסע לינען פאר די סאלדאטן ווען זיי וועלן זיין אין רוסלאנד, כדי מען זאל דערקענען אז זיי זענען פרידלאך און נישט קיין פיינט און מען וועט דארפן דריי בגדים פאר יעדן סאלדאט.

דער הויפט פון די מיליטער האט געפרעגט ווער האט דא א גרויסע קוואנטום פון ווייסע לינען סחורה? און מען האט אים געשיקט צו דעם געשעפט פון ר' מיכל, דער הויפט פון די מיליטער איז געווארן פריילאך ווען ער האט געזען אז די סחורה איז דא און אז ער וועט שוין קענען גלייך אנהויבן די ארבעט, עס איז געווען פונקט גענוג סחורה פאר אלע סאלדאטן, און ער האט באצאלט דעם פולן פרייז און נישט געהאנדלט, פון דעם געשעפט איז ר' מיכל געווארן א גרויסער עושר, ר' מיכל איז געפארן מיט זיין פרוי צו ר' מאיר'ל און אים שטארק באדאנקט און ער איז ר' מיכל דער גביר פון ראדוביץ, די חסידים האבן געזאגט אז דער צדיק האט פארפראוועט א מלחמה כדי צו ראטעווען די שלום בית פון א שטוב און אויך ברענגען עשירות פאר זיי זיע"א.


***הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- עס איז א שיינע מתנה***

ספר שפת אמת שנדפס ע"י אדמו"ר מבעלז ומפורסם לשמירה וסגולה $600 סידור חמדת ישראל הנודע לסגולה ושמירה דפוס ראשון $1000 ספר אבני אליהו עם הסכמת האמרי יוסף וברכתו לבני חיי ומזוני רויחי $800 ספר דברי חיים עם חתימת הרה"ק ר' חיים יעקב סאפרין מקאמארנא $2000 חומת אריאל דפוס ראשון עם הגהות $1500 ספר שייך להגה"ק ר' אברהם חיים הורוויץ מפלאנטש חמיו של הדברי יואל מסאטמאר $8000, וגם לבנו ר' משה עם כתב יחוס, ספר קיצור ראשית חכמה עם הקדשה ארוכה מהגה"צ ר' יחזקאל שרגא מערץ, מדרש רבה שקיבל הרה"ג ר' זאב וואלף טירנויער מאת הרה"ק ר' יהוסף הלוי ר"ב מקאסאן, ספר רחמי האב שלמד בו הרה"צ ר' יואל זוסמאן מערץ זצוק"ל עם חתימתו, ספר משיב נפש עם הקדשה ארוכה מהגה"ק מצעהלים חוסט תרע"ג, דברות משה עם הקדשת המחבר הגאון ר' משה פיינשטיין, ספר עם כמה חתימות ר' נתן נטע לנדא מאושפיצין והגה"ק ר' בצלאל שמעון ניימאן בעל פנינים יקרים ועוד, כמה ספרים שייכים להרה"ג ר' משה ארי' פריינד מנאסאד, ספר מן המצר שייך להגה"ק ר' איציקל מפשעווארסק. 2 בריוו פון אמרי חיים וויזניץ צו ראטעווען אידן פון רומעניא. בריוו פון ר' אלחנן וואסערמאן, פון מרחשת, דברי מלכיאל הגאון ר' אליעזר ראבינוביץ דער מינסקער גדול, מהגאון מראגאטשוב, מהרה"ק מהוסיאטין, מהרה"ק ר' יחזקאל מאוסטראווצא, ר' ברוך בער בעל ברכת שמואל, מהגאון ר' שך, מהגאון מקאוונא, מהגאון ר' הענקין, קוויטל שכתב החזון איש על אחורי מכתב שנשלחו לו, ספר אדמת קודש וואס האט באלאנגט צו הגאון ר' אברהם פאם,